# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.....................8:07
מוצאי שב"ק........................9:39

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............................יהושע י"ט-כ'
בבלי.............................גיטין כ"ה
ירושלמי.....................שביעית כ"ז
תוספתא.......................כריתות א'
רמב"ם.........................תשובה א'

פרשת בהעלותך, כ"א סיון, אבות פרק ג', שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 37 (607)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַעֲנַן ה' עֲלֵיהֶם יוֹמָם בְּנָסְעָם מִן הַמַּחֲנֶה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ח), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייסְט מֶען אִים פָארְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ד, ט"ו) מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ. בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף זֶענֶען דִי אִידְן גֶעשְׁטַאנֶען פַארְ'ן יַם זֵייעֶר פַארְלוֹירְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, דִי מִצְרִיִּים זֶענֶען זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן פוּן הוּנְטְן, ווילְדֶע חַיּוֹת הָאבְּן גֶעבְּרוּמְט אוֹיף זֵיי פוּן בֵּיידֶע זַייטְן אִינֶעם מִדְבָּר, אוּן פוּן פָארְנְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער יַם, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶען קַיין וֶועג אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אָבֶּער גֶעהֵייסְן פָארְן וַוייטֶער, אַרַיין אִין יַם אַרַיין, אוּן דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי טְרוּקֶענִישׁ, אוּן זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

דָאס גֵייט אוֹיךְ אָן בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב, עֶר טְרֶעפְט זִיךְ אִין אַ פְּלָאנְטֶער, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיס דֶערְפוּן, עֶר שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, זָאגְט מֶען אִים "פָאר וַוייטֶער", וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אוּן גֶעב נִישְׁט אוֹיף, דוּ פְּרוּבִיר אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער אִין דַיין לֶעבְּן, פְּרוּבִיר וויפִיל אוּן וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט, וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם זֶען וִוי שֵׁיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת.

מְ'טָאר נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן מִיט דִי צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, מְ'טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיפְ'ן לֶעבְּן, אַלְץ אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, אֲפִילוּ וֶוען מְ'זֶעט עֶס נִישְׁט מִיט דִי אוֹיגְן, מְ'דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין וַוייטֶער, נִישְׁט זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער מַהֲרַ"שׁ פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן, "דִי וֶועלְט זָאגְט אַז מְ'קֶען נִישְׁט גֵיין אַרוּנְטֶער גֵייט מֶען אַרִיבֶּער, אוּן אִיךְ זָאג אַז מְ'גֵייט לְכַתְּחִלָּה אַרִיבֶּער", דָאס מֵיינְט אַז מְ'קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר קַיין שׁוּם שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מְ'גֵייט מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אוּן מְ'קוּמְט אִיבֶּער אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם פָּסוּק, וַעֲנַן ה' עֲלֵיהֶם יוֹמָם, וֶוען קֶען אַ אִיד זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן מִיט אִים? עֶר זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶעס זָאל אִים גֵיין גוּט? בְּנָסְעָם מִן הַמַּחֲנֶה, וֶוען אִיז גְרֵייט אַלְץ צוּ פָארְן וַוייטֶער, גָארְנִישְׁט קֶען אִים אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן זַיין וֶועג, עֶר גֵייט פָארְאוֹיס מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט לוֹיט וויפִיל אוּן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען, אוּן אַזוֹי קוּמְט עֶר אָן צוּ אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן.

עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זַיין בְּרוּדֶער רֶבִּי יְחִיאֵל, אַ מוֹרָא'דִיגֶע בְּרִיוו, יֶעדֶער קֶען נוּצְן דִי בְּרִיוו פַאר הִתְחַזְּקוּת, דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִים (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קסה):

"הִגִּיעַנִי מִכְתָּבוֹ פֹּה זַאסְלַאב", אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, "וְהָיָה לִי צַעַר גָּדוֹל מִזֶּה", אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג, "אֵיךְ מָלְאוּ לִבָּם הָאֲנָשִׁים הָרְשָׁעִים הָאֵלֶּה וְהֵעֵזּוּ פְּנֵיהֶם כָּל כָּךְ נֶגְדְּךָ", וִוי קֶען זַיין מֶען זָאל זִיךְ צוּ דִיר אוֹיפְפִירְן מִיט אַזַא עַזּוּת, "וְתָמֵהַּ אֲנִי אֵיךְ לֹא נִמְצָא טוֹב לְעֻמַּת רַע כְּנֶגְדָּם לְבַעֵר הָרַע", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ, וִוי קֶען זַיין עֶס זָאל נִישְׁט זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן זִיךְ אָנֶנֶעמֶען פַאר דִיר?

"אֲהוּבִי אָחִי נַפְשִׁי וּלְבָבִי", מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, "אַל תִּירָא וְאַל תֵּחַת מִפְּנֵיהֶם", הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן זֵיי, "רַק חֲזַק וֶאֱמַץ בַּתּוֹרָה וּבְיִרְאַת ה' כָּל הַיּוֹם, כַּמְדֻבָּר בֵּין שְׁנֵינוּ", שְׁטַארְק זִיךְ אִין תּוֹרָה אוּן אִין יִרְאַת ה', "וּזְכוּת אֲבוֹתֶיךָ מְסַיַּעְתְּךָ, כִּי כָּל זֶה לְגַדֵּל אוֹתְךָ וּלְהַרְבּוֹת כְּבוֹדְךָ וּלְגַדֵּל שִׂכְלְךָ", וַוייל דָאס אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז נָאר פַאר דַיין טוֹבָה, דִיךְ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי כְּמוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְכָל מִינֵי זֵרְעוֹנִים לָבוֹא לְתַכְלִית גְּדוּלָּם אֶלָּא עַד שֶׁנּוֹתְנִין מִתְּחִלָּה הַגַּרְעִין בֶּעָפָר וְאַחַר כָּךְ הַגַּרְעִין נִתְבַּלֶּה וְאַחַר בְּלוֹתוֹ יִפְרַח וְיָצִיץ וְנַעֲשֶׂה אִילָן גָּדוֹל", אַזוֹי וִוי אַלֶע פְּרוּכְט אוּן אַלֶע גְרִינְצֵייג, אַלֶעס וָואס וַואקְסְט - קֶען נָאר וַואקְסְן נָאר נָאכְדֶעם וָואס מֶען דֶעקְט צוּ דִי זוּמֶען, דִי קֶערְל - אוּנְטֶער דִי עֶרְד, אוּן דִי קֶערְל וֶוערְט פַארְפוֹילְט, "כֵּן הַדָּבָר הַזֶּה שֶׁעַל יְדֵי זֶה שֶׁמַּשְׁפִּילִין אוֹתְךָ עַד עָפָר, עַל יְדֵי זֶה תִּתְגַּדֵּל וְתָצִיץ וְתִפְרַח בָּעוֹלָם", אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִיר, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיךְ אוּן מֶען דֶערְנִידֶערְט דִיךְ, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ וַואקְסְן אוּן גְרוֹיס וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, "אִלּוּ הָיוּ יוֹדְעִין אֵלּוּ הָרְשָׁעִים מִזֶּה", וֶוען דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ טוֹבָה זֵיי טוּעֶן דִיר מִיט דֶעם וָואס זֵיי רוֹדְפְ'ן דִיךְ, "בְּוַדַּאי לֹא הָיוּ מְבַזִּין אוֹתְךָ", וָואלְטְן זֵיי דִיךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעפַּיינִיגְט, "כִּי כָּל כַּוָּנָתָם לְרַע", וַוייל זֵייעֶר גַאנְצֶע כַּוָּונָה אִיז נָאר דִיר שְׁלֶעכְטְס צוּ טוּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל בְּהַעֲלוֹתְךָ תשס"ג - עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּקְרָא תשפ"ג)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### זַיי מַצְלִיחַ

"זָאל זַיין מִיט מַזָּל אוּן הַצְלָחָה", אִיז אַ בְּרָכָה וָואס יֶעדֶער וואוּנְטְשׁ זִיךְ צוּ הֶערְן אִין יֶעדֶע פַאזֶע אִין לֶעבְּן. אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי נַאטוּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; יֶעדֶער ווִיל מַצְלִיחַ זַיין, יֶעדֶער ווִיל שְׁטֵייגְן, יֶעדֶער ווִיל זַיין סוּקְסֶעסְפוּל, יֶעדֶער ווִיל אָנְקוּמֶען צוּ זַיינֶע צִילְן אִין לֶעבְּן. נִישְׁט אַלְץ גֵייעֶן אָבֶּער זַאכְן ווִי מֶען ווִיל, ווִי מֶען הָאט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶס וֶועט גֵיין, עֶס קוּמֶען כְּסֵדֶר אוּנְטֶער שְׁטֵיינְדְלֶעךְ אִין וֶועג, זַאכְן פַארְהַאנְקֶערְן זִיךְ אִינְדֶערְמִיט, זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט ווִי גֶעפְּלַאנְט; יֶעדֶער זוּכְט דֶער וֶועג צוּ הַצְלָחָה, זַאכְן זָאל זִיךְ גְלִיטְשְׁן ווִי גֶעשְׁמִירְט, יֶעדֶער זוּכְט דֶעם שְׁלִיסְל צוּ אַ גוּט מַזָּל; ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דָאס אַיינְהַאנְדְלֶען?

דִי עֶרְשְׁטֶע טְרֶעפְּל אוֹיפְ'ן לֵייטֶער פוּן הַצְלָחָה אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַז אֵיין שְׁוֶועסְטֶער מַאכְט אָפּ ווִי אַזוֹי אַלֶע אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן קוּמֶען צוּ אַ חֲתוּנָה אוּן אִיר מִיט אֵייעֶר מַאן פַארְשְׁטֵייעֶן אַנְדֶערְשׁ, מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיר זֶענְט וָואס מַאכְן מַחְלוֹקֶת; ווִי אַזוֹי אָנְצוּטוּן דִי קִינְדֶער בַּיי שִׂמְחוֹת הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן דִי מִשְׁפָּחָה; דָאס הָאט מִיט אַייךְ אוּן אֵייעֶר מַאן.

אוֹיךְ ווִי אַזוֹי אוּן אוֹיף וֶועלְכֶע וֶועג מֶען זָאל מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, וָואס מֶען זָאל זֵיי יָא לָאזְן טוּן אוּן וָואס נִישְׁט - דָאס הָאט נִישְׁט מִיט גֶעשְׁוִויסְטֶער; דָאס הָאט מִיט אַייךְ, אֵייעֶר מַאן אוּן עֶנְקֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶנְקֶער מוֹרֶה דֶרֶךְ וָואס בְּרֶענְגְט עֶנְק נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן מַאכְן אַ טָעוּת, כִּיבּוּד אֵם אִיז נִישְׁט 'אָנְטוּן דִי קִינְדֶער אַלֶע אֵיינִיג בַּיי שִׂמְחוֹת', כִּיבּוּד אֵם אִיז זַיין גֶעטְרֵיי צוּ דִי מַאמֶע, רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, אוּן זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'ן מִיט אַ מַאמֶע, זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר אַ מַאמֶע, אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְהַאקְן אִירֶע רֵייד, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נַשֹּׂא-ב' תשפ"ג)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# מוּז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דוּרְכְגֵיין דִי עוֹנֶשׁ פוּן ״חִיבּוּט הַקֶּבֶר״?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

שְׁ׳כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע יוֹם טוֹב. אוּם שַׁבָּת הָאבְּן מִיר גֶעשְׁמוּעֶסְט וֶועגְן ״חִיבּוּט הַקֶּבֶר״, מַיינֶע קְרוֹבִים הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז אוּנְזֶער זֵיידֶע - וָואס אַרְבֶּעט אִין חֶבְרֶה קַדִישָׁא - הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט הָאט חִיבּוּט הַקֶּבֶר, אוּן זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז מַיין זֵיידֶע הָאט אֲפִילוּ גֶעהֶערְט וִוי מֶען מַאכְט חִיבּוּט הַקֶּבֶר פַאר אַ מֶענְטְשׁ, מַיין מַאמֶע הָאט גֶעזָאגְט ״גֵיי וֵויס וֶועלְכֶע עֲבֵירוֹת הָאט יֶענֶער מֶענְטְשׁ גֶעטוּן, אוֹיבּ אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּהִלִים, וֶוען עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מֶען גְרֵייט אַרִיבֶּער פוּן אֵיין צִימֶער צוּם צְוֵוייטְן״, אָבֶּער מַיין מוּמֶע הָאט גֶע׳טַעֲנָה׳ט אַז אֲפִילוּ מִיט דִי אַלֶע זַאכְן גֵייט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אַרִיבֶּער חִיבּוּט הַקֶּבֶר.

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, וַוייל וִוי קֶען זַיין אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט תְּהִילִים אוּן מִשְׁנַיוֹת אוּן עֶר הָאט נָאכְדֶעם חִיבּוּט הַקֶּבֶר?

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן אַ תְּשׁוּבָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מָאל אִין דִי בְּרִיוו פוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל, אַז דֶער וָואס לֶערְנְט אוּן זָאגְט מִשְׁנַיוֹת - וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאף פוּן חִיבּוּט הַקֶּבֶר. אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דֶער חִידָ״א זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה (בְּשֵׁם מִדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת): ״אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנַיוֹת אֵינוֹ מַנִיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם״, אָשֵׁר זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנוֹם אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת - לָאזְט עֶר נִישְׁט גֵיין אִין גֵיהִנוֹם, מִיט דֶעם טַייטְשְׁט עֶר דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): ״מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ״, ׳שְׁמֵנָה׳ אִיז דִי אוֹתִיוֹת ׳מִשְׁנָה׳, וֶוען אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, ״וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ״, וֶועט עֶר אִים גֶעבְּן גַן עֵדֶן.

אַזוֹי אוֹיךְ, אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע עוֹנְשִׁים פוּן חִיבּוּט הַקֶּבֶר. רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: ״אִינְגֶערְמַאן, לֶערְן דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, וַוייל אַ גוּף וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן - וֶועלְן דִי וֶוערֶעם נִישְׁט בַּייסְן אִין קֶבֶר״.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן וָואס יֶעדֶע מוּמֶע זָאגְט, קוּק וָואס צַדִיקִים זָאגְן; קוּק אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, וִוי מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט קְלָאר אַז דָאס וֶועט בַּאשִׁיצְן אִין קֶבֶר פוּן אַלֶע דִינִים:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר קְדוֹשִׁים, כ״ד נִיסָן

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט

אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ אוּן יֶעדֶע גְרוֹיסֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶעפִירְט נָאר דוּרְכְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (חוּלִין ז׳:) ״אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה״, אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער דָא אוּנְטְן, אֵיידֶער מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אוֹיבְן אִין הִימְל אַז דָאס הָאט דַארְף פַּאסִירְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (בְּרָכוֹת נ״ח.) ״אֲפִילוּ רֵישׁ גַּרְגִיתָא מִן שְׁמַיָּא מַנוּ לֵיהּ״, אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְן מִיט דִי גְרִיבֶּער אוּן דִי מִיסְט, וָואס דָאס אִיז גָאר אַ נִידְרִיגֶע שְׁטֶעלֶע, אִיז דָאס אוֹיךְ פוּן הִימְל אַזוֹי אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַז דַוְקָא יֶענֶער זָאל בַּאקוּמֶען דֶעם פָּאסְטְן.

וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס מִיט אַ קְלָארְקֵייט, עֶר אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן זַיין וֶועג צוּ הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן. מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא אַז אֶפְשָׁר וֶועט אֵיינֶער צוּכַאפְּן זַיינֶע זַאכְן, מֶען אִיז שׁוֹין נִישְׁט מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן אַז יֶענֶעם גֵייט בֶּעסֶער, וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (יוֹמָא ל״ח.) ״בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא״, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַז מֶען וֶועט אִים עֶפֶּעס צוּכַאפְּן, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶועט גֶערוּפְן וֶוערְן בַּיים נָאמֶען אוּן גֶעשְׁטֶעלְט וֶוערְן פוּנְקְט וואוּ עֶר דַארְף זַיין, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן עֶפֶּעס וָואס אִיז צוּגֶעגְרֵייט פַאר אַ צְוֵוייטְן, אֵיין קֶענִיגְרֵייךְ קֶען נִישְׁט צוּרִירְן אִין אַן אַנְדֶערֶע אֲפִילוּ נִישְׁט מִיט קַיין הָאר.

אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ הוֹיבְּן זִיךְ אָן מִיט דֶעם וָואס עֶר פַּאלְט אַרַיין אַ קַטְנוּת הַדַעַת, עֶר אִיז נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ, עֶר אִיז פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים אוּן מַחְשָׁבוֹת אַז אַנְדֶערֶע זֶענֶען מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִים, יֶעדֶער אִיז אַזוֹי שֵׁיין מַצְלִיחַ, יֶעדְן גֵייט אַזוֹי גוּט, אוּן נָאר פַאר אִים גֵייט אַלֶעס מִיטְ׳ן לִינְקֶען פוּס; אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר פַּאלְט אַרַיין אִין דִי חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ, עֶר הָאט אַלְץ מוֹרָא אַז מֶען גֵייט אַלֶעס צוּנֶעמֶען פוּן אִים, דָאס אַלֵיין מַאכְט אַז עֶר זָאל טַאקֶע נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, עֶר זָאל וֶוערְן אַ שְׁלִימַזָל וָואס טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט.

דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע נֶעגַאטִיוֶוע גֶעדַאנְקֶען, קוּמֶען נָאר פוּן דֶעם וָואס מֶען רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט נִישְׁט אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין פִירְט יֶעדֶע זַאךְ; וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ אָבֶּער מִיט אֱמוּנָה, עֶר קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֵוייסְט אַז עֶר וֶוערְט גֶעפִירְט פוּן אוֹיבְן אוֹיף יֶעדְן טְרִיט אוּן שְׁרִיט, דֶעמָאלְט הוֹיבְּט אָן שֵׁיינֶען זַיין מַזָל אוּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, עֶר בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָחוֹן אוּן אַ זֶעלְבְּסְזִיכֶערְקֵייט, עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס גֶעבְּט אִים דִי מוּט אוּן קוּרַאזְשׁ אָנְצוּגֵיין אוּן פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ.

מִיט אֱמוּנָה וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט; אַז מִיר וֶועלְן לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אַייִנְקְרִיצְן אִין מֹחַ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אוּנְז, וֶועלְן מִיר גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט.

### הִיט דַיין מוֹיל

אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען פַאר דִי הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, אִיז זִיךְ צוּ הִיטְן דָאס מוֹיל. רוֹב צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן, הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיין אָנְגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ, מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן וָואס עֶר רֶעדְט. עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁטָא קַיין פְּלָאנְטֶער אִין וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעדְרֵייט, וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט אוֹיף אַ נִישְׁט רִיכְטִיגֶע וֶועג.

עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם, ״וִוי לַאנְג דוּ הָאסְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דָאס וָוארְט, בִּיסְטוּ בַּעַל הַבַּיִת דֶערוֹיף; וִוי נָאר דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דָאס וָוארְט, אִיז שׁוֹין דָאס וָוארְט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דִיר״, אוּן נָאךְ אַ מַאֲמָר, ״וֶוען אִיךְ רֶעד, קֶען זַיין אִיךְ וֶועל חֲרָטָה הָאבְּן דֶערוֹיף; וֶוען אִיךְ שְׁוַוייג, וֶועל אִיךְ זִיכֶער נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן״. מִיט אֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט וָואס מֶען הָאט זִיךְ בְּטָעוּת אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט אִין אַ שְׁוַואכֶע מִינוּט, מִיט אֵיין וָוארְט וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעפְלִיקְט אַ צְוֵוייטְן זַייעֶנְדִיג אוֹיפְגֶערֶעגְט, קֶען מֶען נָאכְדֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק לַיידְן דֶערְפוּן, דֶער מֶענְטְשׁ בְּרֶענְגְט זִיךְ אַלֵיינְס אָן צָרוֹת, יִסוּרִים, אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט.

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, עֶר וִויל זִיךְ אַייִנְשְׁפָּארְן פִּילֶע צָרוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ, זָאל עֶר צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ שְׁוַוייגְן וִוי מֶער, עֶס זָאל וֶוערְן בַּיי אִים וִוי אַ צְוֵוייטֶע נַאטוּר נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער, אַ חָכָם הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, ״וִוי מֶער דוּ וֶועסְט שְׁוַוייגְן אוּן אוֹיסְהֶערְן, וֶועט זַיין חָכְמָה שֶׁענֶער וֶוערְן אוּן דַיינֶע טָעוּתִים וֵוינִיגֶער וֶוערְן״, נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט, ״וִוי

<<<<<<

וֵוייניגֶער רֵייד, אַלְץ וֵוייניגֶער גְרַייזְן".

וֶוען מֶענְטְשְׁן זָאלְן וִויסְן וִויפִיל צָרוֹת אוּן יִסוּרִים זֵיי קֶענֶען אוֹיסְמַיידְן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן בְּלוֹיז דוּרְךְ דִי מִדָּה פוּן שְׁוַוייגְן, וָואלְטְן זֵיי זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט אַלְץ אָפְּצוּשְׁוַוייגְן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי אוּן מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי; אַ מַאן וָואלְט אָפְּגֶעשְׁוִויגְן פַאר זַיין וַוייבּ, אַ פְרוֹי וָואלְט אָפְּגֶעשְׁוִויגְן פַאר אִיר מַאן, אוּן אַזוֹי וָואלְט מֶען צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן אַלֶע סָארְט קְרִיגֶערֵייעֶן אוּן רַייבֶּערֵייעֶן, וִיכּוּחִים אוּן טַעֲנָה'רֵייעֶן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע מִיט חֲבֵרִים אוּן בַּאקַאנְטֶע, וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט הָאבְּן אַ רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן לֶעבְּן, זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶוען מֶען רֶעדְט וֶוען נִישְׁט אַזוֹיפִיל אִיבְּרִיגֶע רֵייד. "דִי בֶּעסְטֶע וֶועג מִלְחָמָה צוּ הַאלְטְן מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אִיז דוּרְכְ'ן אִים אָפְּשְׁוַוייגְן" - הָאט אַ חָכָם זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט - "רֶעד וִוי וֵוייניגֶער, וֶועסְטוּ הָאבְּן וֵוייניגֶער זִינְד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לָאזְט הֶפְקֵר זַיין מוֹיל, עֶר רֶעדְט אַלֶעס וָואס קוּמְט אִים אוֹיפְ'ן צוּנְג, הוֹיבְּט עֶר אָן שֶׁעלְטְן אוּן זִיךְ קְרִיגְן, שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ טַעֲנָה'ן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם מַחְלוֹקֶת אוּן פַּיינְטְשַׁאפְט, אוּן אַזוֹי פַארְבִּיטֶערְט מֶען זִיךְ אַלֵיין דָאס לֶעבְּן.

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ אִיז דָא פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן דָאס מוֹיל, אִיז נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע קַיין פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן אַ צְוֵוייטְן מִיט אַ סוֹד, נִישְׁט מִיטְטֵיילְן מִיט אַנְדֶערֶע דִי פֶּערְזֶענְלִיכֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אַזוֹי קֶען דֶער מֶענְטְשׁ זַיין רוּאִיג אוּן נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן אַז אֶפְשָׁר וֶועט יֶענֶער אוֹיסְזָאגְן זַיינֶע בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן, אֶפְשָׁר וֶועט יֶענֶער אוֹיסְכַאפְּן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַזֶעלְכֶע סָארְט דַאֲגוֹת, בִּלְבּוּלִים, אוּן פְּחָדִים, וָואס דָאס אִיז דֶער טִיר צוּ אַ דוּרְכְפַאל אִין לֶעבְּן. וִוי דֶער מַאֲמַר הֶחָכָם, "אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדַארְפְט מֶער שׁוֹינֶען אוֹיף זַיינֶע רֵייד, וִוי אוֹיף זַיין גֶעלְט", נָאךְ אַ מַאֲמַר, "עֶס זָאל דִיר גְרִינְגֶער אָנְקוּמֶען אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט, וִוי אוֹיסְצוּגֶעבְּן רֵייד", אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע חֲכָמִים גֶעוָוארְנְט זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיפְ'ן מוֹיל. וִוי מֶער מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין אִיבְּרִיגֶע רֵייד, אַלְץ מֶער שְׁפָּארְט מֶען זִיךְ אַיין אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן.

חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק א', מִשְׁנָה ה') "אַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן צוּ סַאךְ מִיט זַיין וַוייבּ, דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר דִי וַוייבּ דִי אֵייגֶענֶע דוּרְכְפֶעלֶער. אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַהֵיים אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין וַוייבּ אַז הַיינְט הָאט עֶר גֶעהַאט צוּטוּן מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם, דֶער הָאט מִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן יֶענֶער הָאט מִיר פַארְשֶׁעמְט, אָדֶער אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל, זַאכְן זֶענֶען אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען גוּט, אוּן וֶוען עֶר פַארְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן; דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶס גֵייט אִים הֶעלְפְן אַז זַיין וַוייבּ וֶועט אִים שׁוֹינֶען אוּן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, פַאקְטִישׁ וֶועט דָאס אָבֶער נָאר מַאכְן אַז זַיין וַוייבּ זָאל אִים אַרָאפְּקוּקְן אַלְס אַ שְׁלִימַזָל אוּן אַ דוּרְכְפַאל, זִי וֶועט אִים מֶער נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעצְן אוּן אַרוֹיפְקוּקְן, אוּן דָאס וֶועט נָאר מַאכְן פְּרָאבְּלֶעמֶען. דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ רֶעדְן אִינְדֶערְהֵיים נָאר פָּאזִיטִיוו, נָאר דֶערְצֵיילְן גוּטֶע זַאכְן וִוי אַזוֹי מֶען הָאט שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען; אַלֶע שְׁוֶוערֶע זַאכְן דַארְף מֶען נָאר דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

לָאמִיר זִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין הַארְץ אוּן אִין מֹחַ דִי וִויכְטִיגֶע עֵצָה צוּם לֶעבְּן, אַלְץ רֶעדְן וִוי וֵוייניגֶער אוּן שְׁוַוייגְן וִוי מֶער, וִוי דֶער מַאֲמַר הֶחָכָם, "אַ סִימָן פוּן אַ חָכָם - עֶר רֶעדְט וֵוייניג, אַ סִימָן פוּן אַ נַאר - עֶר רֶעדְט אַסַאךְ", דָאס וֶועט אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן אַזוֹיפִיל סָארְט שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

(קוּנְטְרֵס זֵיי מַצְלִיחַ)



ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זָאלְסְט זֶען זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין קַיין שׁוּם חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, וָוארוּם דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען בַּארִימְט זִיךְ מִיט דִיר אִין הִימְל וְכוּ'. קוּמְט אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן נֶעמְט אַרוֹיס נְשָׁמוֹת פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו אוּן גֶעוואוֹינְט זֵיי צוּ צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, וָואס דֶער זְכוּת פוּן דֶעם קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן, וָוארוּם דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה אִיז תָּלוּי אִין לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה ז', סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלְיוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; קוּמְט אוֹיס מִיט דֶעם וָואס דוּ וַוארֶעמְסְט אָן דִי טַייעֶרֶע נְשָׁמוֹת אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת בִּיסְטוּ מְקַרֵב דִי גְאוּלָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר: נִישְׁט נָאר זָאלְסְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים וָואס דוּ גֵייסְט דוּרְךְ מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ וְכוּ' וְכוּ', נָאר זָאלְסְט מְעוֹרֵר זַיין מֶער אוּן מֶער דִי בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן זַיין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אוּן אוֹיף דֶעם דַארְפְסְטוּ אַסַאךְ רֶעדְן אוּן זֵיי מְעוֹרֵר זַיין, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר אַרַיינְשַׁיינֶען אִין זֵיי דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים, וָוארוּם נָאר דָאס לִימוּד מִשְׁנַיוֹת קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וְכוּ', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל', ד') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "מִשְׁנָה", אֲפִילוּ מֶען לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דוּרְךְ לֶערְנֶען "מִשְׁנָה" קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם נֶפֶשׁ פוּן שְׁאוֹל, אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער בָּחוּר אִיבֶּערְזָאגְן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים.

אִיךְ וֵייס אַז אַסַאךְ מָאל פַאלְט אוֹיף דִיר אַרוֹיף חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אוּן עֶס קוּמְט דִיר אַרַיין גֶעדַאנְקֶען וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס דִי גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע וְכוּ' וָואס דוּ הָארֶעוֶועסְט מִיט דִי בָּחוּרִים וְכוּ', וָוארוּם אַסַאךְ מָאל זֶעט מֶען נִישְׁט בַּיי זֵיי קַיין שׁוּם עֶנְדֶערוּנְג וְכוּ', זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי, וָוארוּם אַזֶעלְכֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע עֶרְלֵיי שְׁמוּץ רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, וָואס נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דֶער צַדִּיק וֵוייסְן אִין וָואס פַאר אַ שְׁמוּץ פוּן חַטְאוֹת נְעוּרִים זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן וְכוּ', אוּן יֶעצְט הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, דֶער שְׂכַר פוּן דֶעם קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן מְקוּבָּלִים דָאס מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "מֹשֶׁה נ'", דָאס הֵייסְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּיים סוֹף צוּ קוּמֶען צוּם שַׁעַר נ', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ל"ב, מ"ט) "עֲלֵה אֶל הַר הָעֲבָרִים הַזֶּה הַר נְבוֹ", וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן מְקוּבָּלִים דָאס דֶעמָאלְט הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיינְצוּגֵיין אִין שַׁעַר נ', וָואס דָאס אִיז דָאס וָוארְט "נְבוֹ" - "נ' בּוֹ", עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שַׁעַר נ', וָואס דָארְטְן אִיז דֶער בִּיטוּל אִינְגַאנְצְן צוּ אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, וָואס דָאס אִיז "מִשְׁנָה", אוֹתִיּוֹת "מֹשֶׁה נ'", אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָה, וֶועט עֶר אוֹיכֶעט זוֹכֶה זַיין צוּקוּמֶען בַּיים סוֹף צוּם שַׁעַר נ', דָאס עֶר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זֶען גָארְנִישְׁט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן נָאר גֶעטְלִיכְקֵייט.

אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן זַיי מְעוֹרֵר יֶעדְן טָאג דִי בָּחוּרִים פוּן נֵיי, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימוּד מִשְׁנַיוֹת. אוּן וִויסְן זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ט) אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין בְּלָאטֶע אוּן טוּט שְׁמוּץ וְכוּ', אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ לֶערְנֶען "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט דָאס אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בְּלָאטֶע אוּן שְׁמוּץ וואוּ עֶר אִיז דָארְטְן אַרַיינְגֶעפַאלְן; אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז "כַּךְ וְכַךְ" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס הָאט אַ גֶעטְלִיכְן כֹּחַ אַרוֹיסְצוּרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן זֵייעֶר אַסַאךְ צַדִּיקִים, אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפ"ה).

אוּן עֶס אִיז אַ פֶּלֶא אַז "כַּךְ וְכַךְ" בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי דֶער שֵׁם "אֱלֹקִים", וָואס דָאס אִיז דֶער שֵׁם פוּן מִידַת הַדִּין; אֲפִילוּ עֶס גֵייט שׁוֹין דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַלֶע דִינִים קָשִׁים וּמָרִים, אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", דָאס הֵייסְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועט נִמְתָּק וֶוערְן פוּן אִים אַלֶע דִינִים.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי אַזְהָרוֹת פוּן הַגָּאוֹן רֶבִּי נְתַנְאֵל וֵוייל זי"ע [בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "קָרְבַּן נְתַנְאֵל" אוֹיפְ'ן רֹא"ש], "כָּל יוֹצְאֵי יְרֵיכִי, מִי שֶׁמְּכוּנָּה בְּשֵׁם לַמְדָן וּמַשְׁלִים עֲבוֹדָתוֹ עֲדֵי עֶרֶב, רָאוּי לַחְזוֹר יוֹם יוֹם חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, חַ"י חַ"י יוֹדוּךְ, תּוֹעֶלֶת לִנְשָׁמָה, וּמַאֲרִיךְ יָמִים", עַיֵּין שָׁם. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן קַיין שׁוּם בְּרִיָּה שֶׁבָּעוֹלָם, נָאר רֶעדְן יֶעדְן טָאג פְּעָמִים אֵין מִסְפָּר מִיט דִי בָּחוּרִים דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, אוּן דוּ זָאלְסְט מִיט זֵיי זִינְגֶען: "כַּךְ וְכַךְ" דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קֶען שְׁפְּרִינְגֶען בִּיזְ'ן דַאךְ, וַוייל אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת זֵייעֶר אַסַאךְ, גֶעבּ אִיךְ פוּן אִים אַ גְרוֹיסְן לַאךְ, אוּן אִיךְ קוּק נִישְׁט וָואס יֶעדֶער טִיפֵּשׁ טוּט מִיט דִי הַאנְט אַ מַאךְ, דָאס אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת אַסַאךְ. וָואס הָאבּ אִיךְ

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>> שו"ת ברסלב

מִיט יֶענֶעם, אִיךְ וֵייס אַז נָאר מִשְׁנַיוֹת וֶועל אִיךְ מִיט מִיר מִיטְנֶעמֶען. אוּן דָאס וֶועט מִיךְ פוּן אַלֶעם בֵּייזְן בַּאשִׁיצְן, אוּן אִין קֶבֶר וֶועלְן אַלֶע שְׁרָצִים אוּן וֶוערִים אוּן אַלֶע מַלְאֲכֵי חַבָּלָה פוּן מִיר זִיךְ אַוֶועק פִיצְן, אוּן כָאטְשׁ זֵיי וֶועלְן מִיט זֵייעֶרֶע בֵּייזֶע צֵיינֶער אוֹיף מִיר טוּעֶן קְרִיצְן, אָבֶער עֶס וֶועט זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, וָוארוּם דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט וֶועלְן מִיר פוּן זֵיי בַּאשִׁיצְן. אוּן אִיךְ וֶועל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן אִין גַן עֵדֶן וֶועל אִיךְ צוּזַאמֶען מִיט דִי צַדִיקִים זִיצְן.

הַלְוַאי הַלְוַאי זָאלְסְטוּ דָאס קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי בָּחוּרִים, זֵיי זָאלְן יֶעדְן טָאג זִיךְ בַּאפְּלַייסְן אִין לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, אוּן נִישְׁט נָאר זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען, נָאר זֵיי זָאלְן מְעוֹרֵר זַיין זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים אוֹיף דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, קֵיינֶער קֶען אוֹיף דֶעם נִישְׁט קְרִיגְן, וָוארוּם עֶס וֶוערְט בְּפֵירוּשׁ גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "לִיקוּטֵי תּוֹרָה" פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן טְשֶׁערְנָאבִּיל זי"ע (הַדְרָכָה ו'), "תֹּאמַר ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בְּכָל יוֹם בְּלִי פֵּירוּשׁ, כְּדֵי שֶׁתִּגְמוֹר בְּכָל חוֹדֶשׁ כָּל הַשִּׁשָּׁה סְדָרִים, כֵּן תִּנְהוֹג כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ", אוּן אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "יְסוֹד יוֹסֵף" וָואס רֶעדְט אַרוּם זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן תִּיקוּן הַבְּרִית, (עַיֵין תִּיקוּן י"ב) "לִימוּד מִשְׁנַיוֹת אֵין לְמַעְלָה מִזֶה, וּמַה טוֹב לִלְמוֹד ח"י פְּרָקִים מִי שֶׁסִיפֵּק בְּיָדוֹ, נֶגֶד מִדַת יְסוֹד שֶׁפּוֹגֵם בְּחֵטְא זֶה, וּמִדַת יְסוֹד נִקְרָא ח"י כַּנוֹדָע לְיוֹדְעֵי חֵן".

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס פַאר אַ שִׂמְחָה אִיךְ הָאבּ פוּן יֶעדְן בָּחוּר וָואס קוּמְט אַרַיין צוּ מִיר אוּן בַּארִימְט זִיךְ, דֶער זָאגְט עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט פוּפְצִיג מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן דֶער זָאגְט פֶערְצִיג מָאל וְכוּ' וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶער נַחַת פוּן דֶעם. אוּן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר מְזַכֶּה זַיין בָּחוּרִים צוּ חַזְרְ'ן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אִיז שׁוֹין גֶעוֶועזְן כְּדַאי, וָוארוּם אַזוֹי שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (בְּרֵאשִׁית מ"ב.) מַאן דְקָארֵי וְתָנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָא הוּא מַאן דְיָדַע לְסַדְרָא וּלְקַשְׁרָא קִשׁוּרָא וְיִחוּדָא דְמָארֵיהּ כִּדְקָא יָאוּת, אִלֵין אִינוּן דִמְקַדְשִׁין שְׁמָא קַדִישָׁא דְמָארֵיהוֹן בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר; וֶוער עֶס לֶערְנְט אוּן זָאגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דֶער קֶען מְקַשֵׁר זַיין אַלֶע עוֹלָמוֹת אוּן מְיַחֵד זַיין יִחוּדִים פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דִי זֶענֶען מְקַדֵשׁ דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְ'ס הֵיילִיגְן נָאמֶען יֶעדְן טָאג שְׁטֶענְדִיג. פְרֶעג אִיךְ דִיר: נָאךְ דֶעם אַלֶעם דַארְפְסְטוּ הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת?! דַארְפְסְטוּ צוּבְּרָאכְן וֶוערְן?!

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן, נָאר זָאלְסְט זֶען וָואס מֶער בָּחוּרִים מְקָרֵב זַיין אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן פַארְפַאלְן.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא-ב' תשפ"ג)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# נייע וואכן בית המדרש ווערט געבויעט אין שטעטל

אזוי ווי דער שטעטל וואקסט כסדר, און עס קומען צו פרישע איינוואוינער, שפירט זיך דער ביהמ"ד מער ענג מיט יעדן טאג, בפרט אז דער כולל לערנט א גאנצן טאג אין בית המדרש, שטערט עס איינע פאר'ן צווייטן. מען הערט אריין אין די מנינים ווי די אינגעלייט לערנען, און די אינגעלייט הערן אריין די מנינים, אויסער דעם קומט צו אז מיט די וואוקס פון שטעטל, ווערט דער ביהמ"ד בכלל מער פאפולער ביי די פילע הונדערטער בייפארער וואס ווייסן אז דא איז דא א בית המדרש מיט כסדר'דיגע מנינים, וואס נוצן אויס דעם געלעגענהייט און יעדן טאג כאפן זיך פילע געסט אריבער צו דאווענען א תפלה בציבור, וואס דאס געבט נאך מער צו צום ענגשאפט. דער יעצטיגער אויסשטעל האט געהאט נאך א חסרון אז עס האט נישט געקענט זיין מער פון איין מנין אויף איינמאל, א זאך וואס דער בית המדרש איז שוין לאנג אויסגעוואקסן.

דערפאר האט די הנהלה באשלאסן מיט די גוטהייסונג פון ראש ישיבה שליט"א אז מען גייט צוטרעטן צום בויען פון א נייע וואכן בית המדרש אין שטעטל, וואס זאל דעקן דעם געברויך. צום ערשט וועט עס אויפטון אז דער כולל וועט צובאקומען הרחבת הדעת ווען זיי וועלן קענען איבערנעמען דעם גאנצן האשקי בית המדרש אין די וואכן טעג, און זיי וועלן נישט שטערן די מנינים, און די מנינים וועלן זיי נישט שטערן. צו דעם וועט דער נייער בית המדרש פארמאגן א גרויסע פאליש וואס וועט ערמעגליכן צוויי מנינים אין די זעלבע צייט, עס וועט בעז"ה האבן אסאך און גענוג פארקינג, ברייטע האלוועיס, א גרויסע קאווע שטיבל, און עס וועט בעז"ה אויך האבן א שיינע גרויסע מקוה - די פינפטער מקוה אין שטעטל.

דער נייער ביהמ"ד ווערט געבויעט אויף די רעד-קליף גאס, נעבן באַרדיטשוב ראוד, דורכ'ן היימישן קאנטראקטער מאנשי שלומינו מו"ה משה איינהארן הי"ו. פאריגע וואך ווען מען האט געהאלטן ביים גיסן די בורות פאר די מקוה איז דער ראש ישיבה שליט"א מיט די כולל אינגעלייט וואס זענען בקיאים און מומחים בהלכות ומלאכת המקוה אראפ געקומען און זיכער געמאכט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אז אלעס ווערט געטון כהלכה ובהידור רב.

**בורא עולם בקנין השלם זה הבנין!**

***

# בית התבשיל מיט א פרישע פראיעקט

כאטש דער בית התבשיל איז שוין ביז יעצט אויך געווען איבערגעפולט מיט ארבעט, מען באצאלט גראסערי ארדערס און מען שיקט שבת פעקלער פאר בני תורה און נצרכים, מען מאכט כסדר חלוקות פאר'ן ברייטן ציבור, יעדן ערב שבת און יום טוב, בפרט ווען עס קומען צו פארן אסאך געסט ווערט צוגעשטעלט א חלוקה פון פילע גרייטע שבת'דיגע עסן חלות, פיש, פלייש, קוגל, קעיק, במשך די זומער חדשים ווערט אויך צוגעשטעלט פרישע קאלטע וואסער אויף די לאנגע וועגן, פאר פסח א ברייטע קמחא דפסחא, פורים ווערט געגעבן מתנות לאביונים, איז אבער דער געטרייער גבאי מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו בכלל נאכנישט זאט. נאכ'ן עס דורכרעדן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א האט ער באשלאסן צוצולייגן א פרישע דיאמאנט אינעם הערליכן קרוין פון בית התבשיל, יעדע נאכט ווערט צוגעשטעלט בהרחבה א פולע געשמאקע פארטיגע נאכטמאל, יעדע נאכט פון די וואך איז דא זופ, פלייש, סייד דישעס און נאך. דאס איז אויפ'ן וועג ווי מוהרא"ש זי"ע האט עס איינגעפירט אין יבנאל אז מען שטעלט צו עסן פאר כל דכפין.

דער ציבור איז זייער שטארק נהנה פונעם נייעם פראיעקט, עס קען זיך מאכן כסדר אז א משפחה קען נישט צושטעלן צומאל א ווארעמע נאכטמאל, און עס קומט זייער גוט צונוץ די געשמאקע צוגעשטעלטע נאכטמאלס.

עס געדענקט זיך נאך גוט ווי מוהרא"ש פלעגט ביי די שיעורים שטארק אויסרימען דער בית התבשיל, און פלעגט ארויסברענגען די גרויסע זכי' צו קענען שטיצן אזא חשובע פראיעקט. יעצט האט דער ברייטער ציבור די זכי' אז מען קען אויך קויפן זכותים אין די גרויסע מצוה פון געבן צו עסן פאר אידישע קינדער. מען קען ספאנסערן א פעיפער גוד ארדער, אדער קען מען מנדב זיין אפלייענסעס פאר די קאך, אדער קען מען קויפן די זכות פון א טאג פאר $180. צו מנדב זיין רופט דעם חשוב'ן גבאי פון בית התבשיל מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו אויף 845-637-5367.

**כל דכפין ייתי ויכול!**

# סימן טוב ומזל טוב

החתן מו"ה **שלמה יואל** הי"ו
בן מו"ה **יצחק אייזיק שניטצלער** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **יצחק משה רייך** הי"ו

***

החתן מו"ה **אברהם** הי"ו
בן מו"ה **מנחם מענדל פוקס** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **פישל כהן** הי"ו

***

החתן מו"ה **יושע דוד** הי"ו
בן מו"ה **יצחק יונה זאבעל** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **יושע דאווידאוויטש** הי"ו

***

החתן מו"ה **דוד שמעון** הי"ו
בן מו"ה **מרדכי לעווינסאן** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **אשר בלאנק** הי"ו


# אינטערוויוס

**פערזענליכע געשמאקע שמועסן, צעשפרייט אין איבער 350 אינטערוויוס מיט פילע אידן איבער די וועלט, געשמאק און לערנבאר, הערט מיט הנאה**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 4, 2**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**